**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איסוואהל פון לעצטע קאנדידאטן אין "עמפייער טעכנאלאגיע פרייז" פארמעסט

***אויסדערוועהלטע מאנשאפטן וועלן ארבעטן בשותפות מיט פירנדע ריעל עסטעיט פירמעס צו פאראויס גיין מיט זייערע פראדוקטן צו אראפנידערן קארבאן באנוץ פאר הייצונג פון הויכע געביידעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די זיבן לעצטע קאנדידאטן וואס בלייבן אין די 10 מיליאן דאלארדיגע 'עמפייער טעכנאלאגיע פרייז' (Empire Technology Prize), א געלעגנהייט פון א פארמעסט פאר גלאבאלע פירמעס געעפנט פאראנגעגנגער אקטאבער צו פאראויס שטופן געביידע טעכנאלאגיעס צו אריינבויען נידעריגע-קארבאן הייצונג סיסטעמען אין שטייעדיגע געביידעס אין הויכע ביזנעס און אפארטמענט געביידעס אין ניו יארק סטעיט. The Clean Fight, א קלימאט טעכנאלאגיע 'עקסעלערעיטאר', וואס פירט אן די אינציאטיוו פאר די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), וועט יעצט העלפן צוזאמפארן די לעצטע קאנדידאטן מיט פירנדע ניו יארקע ריעל עסטעיט פראפערטיס אייגנטימער וועלכע זענען אינטערעסירט צו רעדן איבער פראבעס און דעמאנסטראציעס געלעגנהייטן פון די פארגעשלאגענע פראדוקטן אין ניו יארק.

"ניו יארק שטופט פאראויס די לעצטע טעכנאלאגיע און ערפינדונגען צו רעדוצירן עמיסיעס און בויען ריינערע, גרינערע געביידעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שותפות און פירערשאפט פון ריעל עסטעיט אייגנטימער איז גאר וויכטיג צו פאראויס שטופן שטאנדהאפטיגע געביידעס, און איך לויב אויס זייער פארפליכטונג צו אויספרובירן געדאנקען אזוי ווי מיר ארבעטן צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס און באקעמפן קלימאט טויש."

די היינטיגע אנאנס איז געמאכט געווארן ביי א געשעעניש וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי די PENN 2 אפיס געביידע פון די גרויסע ריעל עסטעיט פראפערטיס אייגנטומער Vornado אין מאנהעטן צו פארשטעלן די לעצטע קאנדידאטן און איבערשמועסן זייערע געדאנקען פאר קארבאן-נידעריגע הייצונג אויפטרייבונג און הייצונג רערן סיסטעמען אין הויכע וואוינונג און ביזנעס געביידעס. די אויפגאבע פאר די לעצטע קאנדידאטן איז צו אויפקומען מיט אן אויספרובירטע און פולשטענדיג פונקציאנירנדע 'פּראָטאָ-טייפ' פון א הייצונג סיסטעם אדער די רערן וואס פירן ארום די היץ וואס קען אינסטאלירט ווערן אויף אן אופן וואס פארלאנגט נישט אז די איינוואוינער פון די שטייעדיגע געביידעס זאלן זיך דארפן ארויסציהען, און ספעציפיש אזעלכע סיסטעמען וואס קענען ארבעטן צוזאמען מיט עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור אין געביידעס וואס זענען זיבן שטאק אדער העכער.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ.**

**העריס, האט געזאגט,** "רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס וועט נאר מעגליך זיין מיט שעפערישקייט און טעכנאלאגיע ערפינדונגען — זאכן וואס זענען אין צענטער פון די עמפּייער טעכנאלאגיע פרייז פארמעסט. NYSERDA גראטולירט די זיבן לעצטע קאנדידאטן וועלכע וועלן זיך יעצט פאראויס רוקן מיט זייערע קארבאן-נידעריגע פראדוקטן פאר שטייטעדיגע געביידעס אין די ניו יארק סטעיט מארקעט, מיט די פאטענציאל צו איבערלאזן זייער צייכן אויף די אינדוסטריע דורך די דעמאנסטראציעס."

די פראדוקטן זענען ערווארטעט צו עפענען נייע וועגן פאר סיי הויכע אפארטמענט געביידעס און סיי הויכע ביזנעס געביידעס אין ניו יארק צו פארמינערן קארבאן באנוץ און צו ארייינרעכענען היט פּאמפּס פון דאמף און הויכע-טעמפעראטור הייסע וואסער וואס נוצן סיי לופט און סיי הייסע וואסער אלס היץ קוועלער, פארשידענע סארטן פון צוקונפט-פאסיגע קילונג מאטעריאלן ('ריפרידזשערענטס') וואס האבן א נידעריגע 'גלאבאלע אנווארעמונג פאטענציאל" (Global Warming Potential, GWP) און אזוי אויך שיטה פאר די רערן וואס פירן ארום די היץ אין די געביידע וואס ערמעגליכט צו אריבערגיין צו נידעריגע טעמפעראטור היט פאמפּס וואס זענען שוין דא אויפן מארקעט.

די אויסדערוועהלטע לעצטע קאנדידאטן – קומענדיג פון ניו יארק ביז נארוועגן און אריינרעכענענדיג 'סטאַרט-אַפּ' פירמעס ווי אויך אוועקגעשטעלטע אינטערנאציאנאלע אריגינעלע עקוויפּמענט מעניופעקטשורערס – זענען:

- **Gil-Bar Industries און Flow Environmental Systems ,Ambient Enterprises (הויכע-טעמפעראטור הייסע וואסער היט פאמפּ [ High temperature hot water heat pump, HTHW HP] נוצנדיג לופט אדער וואסער אלץ היץ קוואל):** באזירט אין ניו יארק און מינעסאטע, האט די מאנשאפט פרעזענטירט א הויכע-טעמפעראטור הייסע וואסער שיטה וואס קען ארויסגעבן ביז 180°F מיט א נאטורליכע קילונג מאטעריאל ($CO_2$). עס אפפערט הייצונג מיט צוגעלייגטע קילונג, היים הייסע וואסער און גלייכצייטיגע מעגליכקייטן פאר ווירקזאמע און בויגזאמע רעזולטאטן. די מאנשאפט האט אונטערגענומען פאראויסיגע שריט צו ארויסווייזן פארפליכטונג צו די ניו יארקע מארקעט דורך זייער געמיינזאמע אפליקאציע צוזאמען מיט Flow Environmental Systems (מעניופעקטשורער) און Gil-Bar (פראדוקט פּראָווײדער).
- **AtmosZero (דאמף היט פאמפּ נוצנדיג וואסער אדער לופט אלס היץ קוואל):** באזירט אין פארט קאלינס, קאלאראַדאו, האט AtmosZero פרעזענטירט א דאמף היט פאמפּ וואס באנוצט זיך מיט א פראצעדור אין עטליכע שטאפלען וואס גיבט ארויס דאמף און קען פראדוצירן דאמף מיט נידעריג-ביז-מיטלמעסיגע פרעשור נוצנדיג GWP-נידעריגע מאטעריאלן. די טעכנאלאגיע איז דעמאנסטרירט געווארן אין א פראצעדור פון דאמף באנוצן ביי א ברייערײ אין קאלאראַדאו.
- **Clean Heat Technologies (דאמף היט פאמפּ נוצנדיג וואסער אדער לופט אלס היץ קוואל):** באזירט אין פיטסבורג, פענסילוועניע, איז Clean Heat Technologies א דיוויזיע פון Thar Energy, א פירמע מיט איבער 30 יאר אין ערפארונג ביים אנטוויקלען באשטאנדטיילן און סיסטעמען וואס נוצן $CO_2$. Clean Heat Technologies האט פרעזענטירט אן ערפינדערישע היט פאמפּ וואס באנוצט זיך מיט די נאטורליכע קילונג מאטעריאל און די מאנשאפט האט אנטוויקלט זעקס פּראָטאָ-טייפּס ביז היינט.
- **ENERIN AS (דאמף און HTHW HP נוצנדיג לופט אדער וואסער אלץ היץ קוואל):** באזירט אין לייסיקער, נארוועגן, האט ENERIN איבער 100 יאר ערפארונג מיט פארשידענע היט פאמפּ פראדוקטן. ENERIN'ס היט פאמפּ קען פראדוצירן סיי דאמף און סיי הויכע-טעמפעראטור הייסע וואסער נוצנדיג א נאטורליכע קילונג מאטעריאל (העליום). די טעכנאלאגיע האט עקזיסטירנדע קונדן און פילאט פראיעקטן אין די אינדוסטריאלע פעלדער און אזוי אויך א פּראָטאָ-טייפּ פאר אינעווייניגע הייצונג.

- **Cycle Retrotech און Hydronic Shell Technologies (היץ רערן פּראָדוקט):** באַזירט אין לאַנג אײַלענד סיטי, ניו יאָרק, בויט די היץ רערן פּראָדוקט אַ פולשטענדיגע HVAC רערן סיסטעם אַרײַנגעבויט אין באַשטאַנדטײלן וואָס ווערן באַהאַפטן אויף די דרויסנדיגע ווענט פון די געבײַדעס און קענען אינסטאַלירט ווערן שנעלערהייט, פאַר ביליג און דאַרפן צונעמען צופיל פון די עקזיסטירנדע עקוויפּמענט — אויף די דרויסן פון אַ שטייעדיגע געבײַדע נוצנדיג אַ פּראָצעדור וואָס מישט אַריין מעניופעקטשורינג אין די דעזיין, קאָנסטרוקציע, אָפּעראַציע און אויפהאַלטונג. די פירמע אַרבעט אויף אַ פּילאָט פאַר איר פּראָדוקט אין סירעקיוּס.
- **Johnson Controls (JCI) (דאַמף און HTHW HP נוצנדיג וואַסער אַלץ היץ קוואַל):** באַזירט אין מילוואָקי, וויסקאָנסין, באַנוצט זיך JCI'ס פּראָדוקט מיט אַ פּראָצעדור מיט מערערע שטאַפּלען, אַ צענטריפוגאַלע קאָמפּרעסאָר און מעכאַנישע פּאַרע-צו-פליסיגקייט טעכנאָלאָגיע (mechanical vapor recompression, MVR) אַלס אַ פּראָצעדור צו צוריק אַפּכאַפּן ענערגיע וואָס קען גענוצט ווערן צו איבערנוצן גענוצטע היץ צו פאַרמערן ווירקזאַמקייט, און עס אָפּפערט קילונג אַלס צוגעלייגטע בענעפיט.
- **Miller Proctor Nickolas (MPN) (דאַמף און HTHW HP נוצנדיג וואַסער אַלץ היץ קוואַל):** באַזירט אין סליפּי האַלאָו, ניו יאָרק, ברענגט MPN איבער 100 יאָר פון ערפאַרונג אין די אינעווייניגע הייצונג אינדוסטריע, און זיי וועלן נוצן פינלאַנדישע מעניופעקטשורער Oilon'ס ChillHeat טעכנאָלאָגיע צו שאַפן אַ פּראָדוקט וואָס טרייבט אויף סיי הויכע-טעמפּעראַטור הייסע וואַסער און סיי דאַמף. MPN אַרבעט אויף אַ פּראָטאָ-טייפּ סיסטעם וואָס וועט אײַנגעפּאַקט ווערן אַלס אַ מאָביל יוניט כדי צו ערלויבן אויפן-אָרטיגע דעמאָנסטראַציע צוועקן.

יעדע אויסדערוועהלטע מאַנשאַפט פון עקוויפּמענט מעניופעקטשורערס און ביזנעסלייט וועט באַקומען אַן ערשטיגע $250,000 סומע מיט די מעגליכקייט צו באַקומען ביז נאָך $750,000 אַזוי ווי זיי דערגרייכן באַשטימטע דערגרייכונגען פאָראויסגייענדיג מיט זייערע פּראָדוקטן אין לויף פון דעם קומענדיגן יאָר. אין צוגאָב צו די פּאָטענציאַלע 1 מיליאָן דאָלאַרדיגע סומע, וועט אַ סך הכל פון 2 מיליאָן דאָלאַר זײַן צו באַקומען צו העלפן די לעצטע קאַנדידאַטן צו דעקן די קאָסטן פון אינסטאַלירן פּראָדוקטן ווי צום בײַשפּיל פּילאָט פּראָגראַמען אָדער דעמאָנסטראַציע פּראָיעקטן אין באַרעכטיגטע הויכשטאָקיגע געבײַדעס אין די ניו יאָרקע מאַרקעט. בײַם ענדע פון דעם איין-יאָריגן פּרייז פּראָגראַם, אַנגעהויבן יולי 2024 ביז יוני 2025, וועט איין געוואונער געשאָנקען ווערן נאָך אַן 1 מיליאָן דאָלאַרדיגע גרענד פּרייז, באַזירט אויף וועלכע לייזונג עס האָט די גרעסטע פּאָטענציאַל צו רעדוצירן קאַרבאָן עמיסיעס ביז 2040 אין די ניו יאָרקע מאַרקעט, מיט אַ ציהל צו שטופּן פאָר די ווייטערע אַנטוויקלונג און באַנוץ מיט די לייזונג אין ניו יאָרק'ס הויכשטאָקיגע געבײַדעס.

**The Clean Fight מענעדזשינג דירעקטאָרין, קעיט פּרוקער, האָט געזאָגט,** "מיר זענען געוואַלדיג באַגייסטערט מיט די קאַליבער, ערפינדערישקייט און איבערגעגעבנקייט פון די זיבן לעצטע קאַנדידאַטן צו אויפקומען מיט ריינע הייצונג פּראָדוקטן וואָס זענען גרינגער צו אַננעמען וואָס וועלן העלפן אַלע פון ניו יאָרק סטעיט'ס הויכע געבײַדע אייגנטימער צו אַראָפּנעמען זייערע פּראָפּערטיס פון קאַרבאָן. אין צוגאָב, וועט די שטיצע וואָס ווערט צוגעשטעלט דורך אונזערע דעמאָנסטראַציע שותפים – CBRE IM, קאָלאַמביע אוניווערסיטעט, ESRT, Fairstead, L+M Development Partners, NYCHA, Rudin, Tishman Speyer און Vornado – מיטן גיבן זייערע עצות און קאָמענטאַרן פאַר די לעצטע קאַנדידאַטן אַזוי ווי זיי אַנטוויקלען זייערע פּראָדוקטן זיכער מאַכן אַז די נייע קאַטעגאָריע פון טעכנאָלאָגיעס שטעלט די אייגנאַרטיגע באַדערפענישן פון ניו יאָרק'ס הויכשטאָקיגע געבײַדעס אין צענטער."

**Wells Fargo ענווייראָמענט-פּריינטליכע פינאַנץ און ראַטגעבנדע מענעדזשינג דירעקטאָרין, קעלי סוּזע, האָט געזאָגט,** "Wells Fargo'ס ספּאָנסאָרשיפּ פון די עמפּייער טעכנאָלאָגיע פּרייז איז אין אײַנשטימונג מיט אונזערע אַנגייענדע באַמיאונגען צו שטיצן דאָס פאָראויס שטופּן ערפינדערישע

טעכנאלאגיעס. מיר גראטולירן די זיבן לעצטע פירמע קאנדידאטן וואס זענען היינט אנערקענט געווארן, און מיר קוקן ארויס צו זעהן וויאזוי זיי וועלן ארבעטן מיט די פרייז'ס דעמאנסטראציע שותפים צו פארשטעלן זייערע נייע פראדוקטן."

די 2 מיליאן דאלאר דעמאנסטראציע פינאנצירונג וועט גיבן פריאריטעט פאר פראדוקטן אין/פאר געביידעס וואס געפונען זיך אין שוואכערע קאמיוניטיס (disadvantaged communities, DACs) לויט די קריטעריאנען פון די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע (Climate Justice Working Group). גרופעס וואס באנעמען זיך מיט סערוויסעס אין שוואכערע קאמיוניטיס וועלן זיין פארמישט מיטן גיבן זייערע געדאנקען און קאמענטארן פאר די לעצטע קאנדידאטן צו זיכער מאכן אז די פראדוקטן וואס ווערן אנטוויקלט ערפילן די באדערפענישן פון די קאמיוניטיס וועם זיי זענען דעזיינט צו באדינען. מיט אומגעפער 1.5 ביליאן סקווער פיס פון עקזיסטירנדע געביידעס וואס נוצן דאמף צו צושטעלן הייצונג פאר די איינוואוינער – פילע פון וועלכע פארדינען נידעריגע ביז מיטלמעסיגע איינקונפט – זענען פארגעשלאגענע פראדוקטן ערווארטעט זיך צו קאנצענטרירן אויף דאס אריינבויען צענטראליזירטע געביידע היט פּאמפּס אין עקזיסטירנדע געביידע סיסטעמען.

The Clean Fight איז אויסדערוועהלט געווארן צו אנפירן דעם פראגראם פאר די עמפייער טעכנאלאגיע פרייז אין סעפטעמבער פון 2022, און זיי האבן ערפאלגרייך דורכגעפירט אן 'עקסעלערעיטאר' פראגראם פאר א גרופע פון פירמעס אין די ערשטיגע שטאפלען פון וואוקס פאר די פארגאנגענע פיר יאר. די Rocky Mountain Institute (RMI) – אן אומאפהעניגע נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציע וואס איז איבערגעגעבן צו טראנספארמירן גלאבאלע ענערגיע סיסטעמען דורך פראדוקטן און שיטות וואס ווערן געטריבן דורך די מארקעט – שטעלט צו טעכנישע, פרייז דעזיין און פראגראם שטיצע.

Wells Fargo'ס פארמישטקייט איז אין איינקלאנג מיט די פירמע'ס אנגייענדע ארבעט אין אפארדעביליטי אין ניו יארק און איר ארבעט צו שטיצן איר ביזנעס, אירע קליענטן און קאמיוניטיס אריבערגיין צו א שטאנדהאפטיגע, גערעכטע און ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט. אין צוגאב צו זייערע פילאנטראפישע אונטערנעמונגען, האט Wells Fargo א ציהל צו ארויסגעבן 500 ביליאן דאלאר אין הלוואות פאר ענווייראמענט-פריינטליכע פראיעקטן ביז 2030, און זי איז די גרעסטע מלווה פאר אפאָרדעבעל האוזינג אין ניו יארק סטעיט.

געביידעס זענען פון די הויפט מקורות פון קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס אין די סטעיט, און 70 פראצענט פון געביידעס אין ניו יארק סטעיט זענען געבויט געווארן בעפאר די ענערגיע געזעצן זענען געשריבן געווארן, און זיי וועלן דעריבער דארפן מאדערניזירט ווערן כדי צו ברענגען פארשריט אין ריכטונג פון די סטעיט'ס ציהלן אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act). די עמפייער טעכנאלאגיע פרייז זעצט פאר מיט NYSERDA'ס פירערשאפט ביים שטופן פאר קארבאן-באלאנס אין שטייעדיגע געביידעס, און עס וועט זיך אפלערנען לעקציעס פון פראיעקטן וועלכע זענען געשטיצט געווארן דורך די סטעיט'ס 50 מיליאן דאלארדיגע עמפייער געביידע פארמעסט (Empire Building Challenge) — א שותפות צווישן NYSERDA און פירנדע ביזנעס ריעל עסטעיט אייגנטימער צו ארויסהייבן נייע וועגן צו צוגיין צו די דעזיין פון קארבאן-נידעריגע פראדוקטן פאר שטייעדיגע געביידעס אין ניו יארק'ס הויכשטאקיגע געביידעס.

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו אריינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס ערפינדונג פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אין דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע

פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, אריינרעכענענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, הייס אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוו קומט פון די סטעיט'ס 10-יעריגע, 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund) און פון Wells Fargo אלס א פראגראם ספאנסאר, מיט שטיצע פאר די איינפירונג פון The Clean Fight און טעכנישע שטיצע פון די Rocky Mountain Institute.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (-New York Cap and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן אין ריכטונג פון אנקומען צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן